# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת נצבים וילך תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 500



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### אתם נצבים 'כולכם' מיט ענקער גאנצער וועזן

**"אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל" (כט ט)**

פארוואס דאפלט די תורה און שרייבט אויך "כֻּלְּכֶם", און אויך "כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל"?

**רבי שמחה בונם סופר**, פרשבורגער רב, פארענטפערט עס מיט די תירוץ פונעם ט"ז (או"ח תקפב ג) אויף א ענליכע פראגע וואס איז שווער אויף דער נוסח פון די ברכה פון מלכויות ביי מוסף פון ראש השנה, ווען מיר בעהטן: "מלוך על כל העולם כולו בכבודך"? ערקלערט דער ט"ז ווייל עס איז דא א כלל אין תורה אז "רובו ככולו" (הוריות ג ב), דערפאר באטאנען מיר ביי אונזער בקשה: "על כל העולם כולו" - און נישט אויף רובו. אויך אין אונזער פסוק: די תורה האט געוואלט קלאר מאכן אז גאנץ כלל ישראל זענען געווען ביי די ברית מיט הקב"ה און נישט נאר רוב פון כלל ישראל, דערפאר האט די תורה געשריבן צום צווייטן מאל: "כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל".

אויף נאך א אופן ערקלערט **רבי יוסף צבי דושינסקי גאב"ד ירושלים**:

מיטן צולייגן דיווארט "כלכם" קומט די תורה משבח זיין דאס אידישע פאלק אויף דעם וואס זיי האבן זיך אוועקגעשטעלט ביי די ברית "לפני ה'" מיט זייער גאנצער וועזן, און נישט אויסערליך מיט די ליפן אליין. מיט דעם טייטש אויך דער גאב"ד דעם דאפלטן לשון וואס ווערט געזאגט ביי די תפילות פון ראש השנה, נאכן בעהטן אז השי"ת'ס קעניגרייך זאל זיך פארשפרייטן "על כל העולם", לייגן מיר צו און בעהטן עס זאל זיין א מושלם'דיגע קעניגרייך - "על כל העולם כולו" - נישט אזאנס וואס וועט זיך אויסלאזן נאר אין חיצוניות פון די באשעפענישן נאר עס וועט זיך צושפרייטן אין זייער גאנצע וועזן.

'שערי שמחה'; 'תורת מהרי"ץ'

### דאווענען מיטן מויל צוליב די קינדער

**"הַנִּסְתָּרֹת לַה' אֱלֹקֵינוּ וְהַנִּגְלֹת לָנוּ וּלְבָנֵינוּ עַד עוֹלָם לַעֲשׂוֹת אֶת כָּל דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת" (כט כח)**

**טייטש דער 'מאור ושמש':**

אין אמת'ן וואלטן מיר געדארפט דינען דעם אויבערשטן מיט די הארץ און נישט דאווענען מיטן מויל. כאטש מיר קענען נישט ארויסברענגען די גרויסקייט פון השי"ת און אים דאנקן אויף אלעס גוט'ס וואס ער טוהט מיט אונז, דאך אבער "מער פון וואס די מויל קען רעדן, קען די הארץ טראכטן". אבער דער אר"י הק' אנטפלעקט אונז ('ליקוטי תורה' תהילים סה ג) אז עס פעלט אויס מיר זאלן דאווענען דוקא מיטן מויל, כדי אנדערע זאלן זיך פון אונז לערנען צו דינען דעם אויבערשטן.

אונזער פסוק איז אויף דעם מרמז: "הַנִּסְתָּרֹת לַה' אֱלֹקֵינוּ" - מיר וואלטן געדארפט דאווענען צום אויבערשטן נאר מיט מחשבה וואס איז באהאלטן פון מענטשן און נאר פאר הקב"ה איז עס אנטפלעקט. "וְהַנִּגְלֹת לָנוּ וּלְבָנֵינוּ עַד עוֹלָם" - די סיבה פארוואס מיר לויבן אים מיטן מויל קענטיג פאר אלעמען, איז נאר כדי אויסלערנען פאר אונזערע קינדער זאלן אויך אזוי טוהן.

'מאור ושמש'

### די תפילות ווערן אנגענומען אין זכות פון מילה

**"לֹא בַשָּׁמַיִם הִוא לֵאמֹר מִי יַעֲלֶה לָּנוּ הַשָּׁמַיְמָה וְיִקָּחֶהָ לָּנוּ וְיַשְׁמִעֵנוּ אֹתָהּ וְנַעֲשֶׂנָּה" (ל יב)**

"מִי יַעֲלֶה לָּנוּ הַשָּׁמַיְמָה" איז ראשי תיבות 'מילה' ('תקוני זהר' ס ב). דער מהרש"ל שרייבט די סיבה פארוואס די מצוה פון מילה איז מרומז אין אונזער פסוק אונז לערנען אז דורך מילה שטארקט זיך דער חלק הנשמה פון דער מענטש אויף די גשמיות'דיגע טייל, און נאר דורך דעם קען ער זיך דערהייבן און פארשטיין דערהויבענע הימלישע ענינים.

**רבי יעקב רקח מטריפולי** לערנט אויך ארויס פון דער פסוק א רמז אויף וואס עס שטייט אין 'פרקי דרבי אליעזר' (פרק כח) אז די תפילות ווערן אנגענומען און דערגרייכן ביזן הימל אין זכות וואס זיי זענען זיי גע'מל'ט.

'ים של שלמה' יבמות פ"ח אות ד; 'מעטה תהלה' תהילים ח ו

## פתחו שערים

די ווארט פונעם
גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### לשנה טובה – מיט א חברותא

אין דעם נאכט פון ראש השנה וואס דערנענטערט זיך און קומט צו גיין וועלן מיר אלע זיך פארזוימען אין שוהל, אזוי ווי דער מנהג פון גאנץ כלל ישראל איז צו וואונטשן איינער דעם צווייטן מיט די וואונטש 'לשנה לטובה'. אין די הייליגע מאמענטן וועלן מיר וואונטשן און זיך וואונטשן ביי אסאך מתפללים ווי ווייט מעגליך, עס זענען אויך דא וואס גייען ארום צו די הייזער פון זייערע קרובים און גוטע פריינט.

דאס איז טאקע א וואונדערליכע און דערהויבענע הנהגה, ווי כלל ישראל ווערט אנטפלעקט מיט איר גאנצן פראכט, ווען אין דער נאכט פון דעם יום הדין, אלע מענטשן כאיש אחד בלב אחד וואונטשן איינער דעם אנדערן לשנה טובה תיכתב ותכתב לאלתר לחיים טובים.

מיט דעם אלעס האב איך זיך שטענדיג געוואונדערט; אויב די ברכות און די וואונטשן וואס ווערן געזאגט אין דעם הייליגן נאכט זענען אזוי חשוב אין אונזערע אויגן, פארוואס זענען מיר נישט מקפיד צו ענטפערן נאך זיי אמן? אזעלכע וואונדערליכע ברכות, וואס ווערן געזאגט אין אזא הייליגן טאג, מיט א ערנסטקייט און פון טיפן הארצן - פארוואס זאלן מיר נישט צולייגן צו דעם א אמן?! מיר ווייסן דאך צו שעצן די טייערקייט פון די צייט, ווען עס קומט אריין דער יום הדין, נאך א לאנגע הכנה פון תשובה, תפלה וצדקה, איז דעמאלטס א ספעציעלע שעת רחמים ורצון, פארוואס זאלן מיר דאס נישט אויסנוצן בשלימות ווי עס דארף צו זיין?

נישט ווייניגער ווי מיר שרייען אמן פון טיפן הארצן ווען דער חזן זאגט דעם וואונדערליכן פיוט: "היום תאמצנו; היום תברכנו" וכו', דארפן מיר ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה וואס מיר זענען זוכה באקומען פון יעדן איד.

עס איז באקאנט די ווערטער פון די חכמים (ירושלמי ברכות ח ח): "אמר רבי תנחום: אויב א גוי האט דיך געוואונטשן - ענטפער אמן, אזוי ווי עס שטייט (דברים ז יד): 'ברוך תהיה מכל העמים'". אוודאי ווען מיר זענען זוכה צו באקומען א ברכה פון א איד, דארפן מיר ענטפערן אמן.

עס איז אמת און מיר דארפן דערמאנען אז די אמן איז נישט ווי א אמן וואס מיר ענטפערן אויף ברכות און קדישים, אין די צייט וואס די אמן איז אויסדריקליך א חיוב, ענטפערן אמן אויף א וואונטש וואס מיר הערן פון אונזערע פריינט איז נישט קיין חיוב, נאר א זכות וואס די 'מבינים' וועלן אויף דעם נישט אויפגעבן. ווייל אזוי ווי 'אמן' נאך א ברכה וואס מען לויבט דעם אויבערשטן איז מקיים די ברכה, אזוי אויך 'אמן' אויף א וואונטש וואס מען הערט פון א חבר איז מקיים זיין ברכה.

אויך מיר ווילן אכטונג געבן ענטפערן אמן אויף די ברכות פון אונזערע פריינט ראש השנה ביינאכט און דורכ'ן יאר, און מיר אלע ווילן געבענטשט ווערן מיט א שנה טובה ומתוקה, אמן ואמן.

**מיט א וואונטש 'לשנה טובה תכתבו', אמן.**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# ווען די מאמע וויינט, וויינען די קינדער אויך

די אפקלאנג פון די רווישנדיגע טריט, וואס האט זיך גוט דערהערט אין דעם ליידיגן גאס, האט זיך געהערט דורך דעם ברייטן אפענעם פענסטער, און האט אויפגעציטערט די איינוואוינער. די הארץ פון די יונגע מוטער, צוזאמען מיט די הארץ פון דעם פיצל קינד וואס ליגט אין אירע הענט, האבן פלוצים געפילט די גרויסקייט פון דער צייט און אויפגעשפרינגען פון זייער ארט מיט שרעק.

ערב יום כיפור פארנאכטס, די הייליגקייט פון דער טאג האט שוין אויסגעשפרייט אירע פליגל איבער דער וועלט וואס האט אזוי געווארט און זיך געגרייט צו די צייט פון סליחה ומחילה, און האט ארומגענומען אלע באשעפענישן אין א דערהויבענעם און הייליגן ציטער.

די אידן פון דעם באקאנטן שטעטל קרעמעניץ אין די וואהלין געגנט פון אוקריינא, זענען שוין געווען פארזאמלט אין שול, ווארטן אויפן אנקום פון דער מנהיג הקהילה, דער בארימטער מגיד, רבי יעקב ישראל הלוי שטערן זצ"ל, בעל 'שבט מישראל', וועלכער האט זיך אביסל אויפגעהאלטן אין שטוב און האט יעצט צוגעאיילט זיינע טריט צו גיין אין בית המדרש אריין זאגן די דרשה - ווי זיין מנהג איז - בעפאר 'כל נדרי' פאר דעם פארזאמלטן עולם וואס האט געווארט צו טרינקען זיינע ווערטער מיט דארשט.

דעם מגיד'ס טאכטער, די יונגע מאמע וואס



דער שוהל אין קרעמעניץ

איז איבערגעבליבן אינדערהיים, זייענדיג פארנומען מיט איר קליין יונגעלע, איז אויפגעשפרונגען הערנדיג די קלאנג פון די טריט וואס דערווייטערן זיך. זי האט ארויסגעקוקט דורכן פענסטער און באמערקט אז זיין געשטאלט דערווייטערט זיך. דער מגיד וועלכער איז געווען איינגעהילט אין א טלית און אנגעטוהן אין ווייסע קליידער האט אין יענע צייט אויסגעזען ווי א מלאך ה' צבאות.

"אוי", האט די טאכטער זיך דערמאנט ווען זי האט אים דערזעהן, "מיין טאטע האט דאך היינט נישט געבענטשט מיך מיט מיין זון, ווי עס איז דער מנהג, ווי אזוי קען איך אריינגיין אין דעם הייליגן טאג אן צו באקומען פריער זיין הייליגע ברכה?!"

דערשראקן און באזארגט האט זי אנגעכאפט איר בעיבי אין די ארעם און זיך געאיילט ארויסגיין פון די הויז און נאכגיין איר פאטער וואס האט זיך דערווייטערט.

דער רב האט זיך געאיילט, און די טאכטער האט זיך געאיילט נאך אים, זי האט צוגעאיילט אירע טריט מיט גרויס אנשטרענגונג, ווען זי טראגט דאס קינד אין די הענט. פאריאגט האט זי דערגרייכט ביז צום אריינגאנג פון די הויף ארום די שול, און האט אנגעיאגט צו זעהן איר פאטער גייט אריין אין הויף פון שוהל. ווען זי האט פארשטאנען אז זי גייט דערלייגן די זעלטענע הייליגע ברכה, איז ווי פון זיך אליינ'ס אויסגעקומען א וויי געשריי פון איר מויל:

"טאטי! טאטי!" - האט די טאכטער געשריגן, ווען טרערן וואשן אפ איר פנים, און דאס קליין קינד וואס האט געפילט דעם ווייטאג פון די מאמע, האט אויך אנגעהויבן ביטערליך צו וויינען צוזאמען מיט די מאמע. הערנדיג די געשרייען, האט דער צדיק זיך געאיילט אויסדרייען זיין פנים אויף צוריק. ער האט א קוק געטוהן הינטער זיך און האט באמערקט ווי זיין טאכטער וויינט ביטערליך ווען דער אייניקל וואס ליגט אין אירע הענט וויינט מיט.

"וואס איז געשען?" האט דער צדיק געפרעגט דערשראקענערהייט, און די טאכטער האט געענטפערט ווען איר שטימע שטיקט פון טרערן: "טאטי, איך בין געווען פארנומען מיטן קינד און צוליב דעם האב איך פארגעסן צו קומען צו דיר ווי יעדעס יאר צו באקומען דיין הייליגע ברכה 'ברכת הבנים' וואס ווערט געזאגט ערב יום כיפור. ווען איך האב זיך דערמאנט איז שוין געווען צו שפעט, ביזסט שוין געווען אויפן וועג צום שוהל, און ווייל איך האב געפילט אז אויב איך וועל נישט טוהן צו דער זאך, וועל איך חלילה פארלירן די גרויסע זכות, האב איך זיך געאיילט דיר נאכצוגיין. יעצט ווען איך בין ענדליך אנגעקומען אין שוהל און איך האב געזעהן אז איך גיי דערלייגן די געלעגנהייט, האב איך נישט געקענט איינהאלטן מיין געשריי. ביטע, טאטע, זיי מיר מוחל, ווייל איך מיין נישט נאר מיין טובה, נאר דעם צוקונפט פון מיין קליין קינד, ביטע, טאטע, בענטש מיך!"

הערנדיג די ווערטער, איז דער רב גערירט געווארן, ער האט זיך אוועקגעשטעלט בדחילו ורחימו, און געבענטשט זיין טאכטער און דעם אייניקל מיט די ברכת האבות לבנים וואס איז דער מנהג צו זאגן ערב יום כיפור, און זייער גייסט האט זיך בארואיגט.

דערנאך וואס די מאמע און דער זוהן זענען געווען צופרידן, איידער דער רב איז אריין אין שוהל, האט ער געגלעט דעם אייניקל'ס באק, און אים געפרעגט: "פארוואס האסטו געוויינט, מיין קינד?".

די תמימות'דיגע ענטפער פון דעם יונג קינד איז געווען איבערראשנד און רירנד: "זיידע," האט דער אינגל געזאגט, ווי ער וואלט נישט פארשטאנען די פראגע, "ווען מיין מאמע וויינט, וויין איך אויך".

הערנדיג די ווערטער האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן. מיט א שטימע דערשטיקט פון טרערן האט ער זיך געזעגנט פון זיי, אריין אין שול און גלייך צוגעגאנגען צום ארון הקודש, ווי עס איז געווען זיין שטייגער צו זאגן דברי כיבושין פארן ציבור בעפאר 'כל נדרי'. אבער דאס מאל, אנשטאט שטיין מיט'ן פנים צום עולם, האט ער אויסגעדרייט זיין קאפ צום ארון הקודש, באהאלטן זיין פנים אין די פרוכת און אין לויף פון לאנגע מינוטן האט ער ביטערליך געוויינט.

דורכאויס די אלע מינוטן האט דער עולם איינגעהאלטן זייער אטעם אינגאנצן אנגעצויגן, און ווען דער רב האט זיך אביסל בארואיגט פון זיין געוויין, האט ער זיך אויסגעדרייט צום עולם און געשריגן:

"טייערע אידן! איז דער מינוט האט מיין יונגער אייניקל מיך אויסגעלערנט א וויכטיגער כלל: 'ווען די מאמע וויינט, וויינען די קינדער אויך!', אצינד ווען מיר גייען ממליך זיין דעם אויבערשטן ביי די עבודה פון דעם הייליגן טאג, וויפיל דארפן מיר וויינען ווען אונזער 'מאמע', די הייליגע שכינה, וויינט ביטערליך טאג און נאכט אויף אירע קינדער!

דער פסוק זאגט דאך (ירמיהו יג יז): 'וְאִם לֹא תִשְׁמָעוּהָ בְּמִסְתָּרִים תִּבְכֶּה נַפְשִׁי מִפְּנֵי גֵוָה וְדָמֹעַ תִּדְמַע וְתֵרַד עֵינִי דִּמְעָה כִּי נִשְׁבָּה עֵדֶר ה'', און נאך זאגט דער נביא (ישעיהו כב יב): 'וַיִּקְרָא ה' אלקים צְבָאוֹת בַּיּוֹם הַהוּא לִבְכִי וּלְמִסְפֵּד וּלְקָרְחָה וְלַחֲגֹר שָׂק'. און דער הייליגער תנא רבי יוסי דערציילט אונז (ברכות ג א): 'פעם אחת הייתי מהלך בדרך, ונכנסתי לחורבה אחת מחורבות ירושלים... שמעתי בת קול שמנהמת כיונה ואומרת: אוי לבנים שבעונותיהם החרבתי את ביתי ושרפתי את היכלי והגליתים לבין האומות'".

"רבותי!" האט דער מגיד געשריגן, "אויב די מאמע - די שכינה הקדושה - וויינט אזויפיל, וויפיל דארפן מיר קינדער וויינען אויף די חורבן בית המקדש און אויף די כבוד פון השי"ת וואס ווערט פארשוועכט צווישן אלע פעלקער: מיר בעהטן, עס זאל שוין זיין דער צייט פון מלוך על כל כל העולם כולו בכבודך!"

דעם מגיד'ס שטימע איז ווידער דערשטיקט געווארן פון זיינע טרערן, און דער גאנצער עולם האט אויך אויסגעבראכן צוזאמען מיט אים אין א ביטערער געוויין, וואס האט געדויערט א לאנגע צייט.

"די געשריי פונעם קרעמעניצער מגיד", האט דער חוזה פון לובלין אנטפלעקט צו זיינע תלמידים, "האט אין די יאר אוועקגענומען אלע מקטרגים און משטינים וואס האבן געוואלט אפהאלטן און פארמיידן אונזערע תפילות זאלן נישט אנגענומען ווערן, און האט ממתיק געווען די דינים פון כלל ישראל לטובה ולברכה, לחן לחסד ולרחמים".

'ספיר ויהלום' - נישואין עמ' שצח




**הגה"צ רבי מנחם ערנסטער שליט"א**
ראש ישיבות וויז'ניץ


## זיך שטארקן אין אמן – זיך שטארקן אין אמונה

די חכמים (שבת קיט ב) האבן צוגעזאגט א ספעציעלן און וואונדערליכן שכר פאר דער וואס איז מקפיד ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין: "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן", שנאמר (ישעיה כו ב): 'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים', אל תיקרי 'שמר אמנים' אלא שאומרים אמן". און די גמרא פרעגט ווייטער: "מאי אמן? און ברענגט די ענטפער פון רבי חנינא אז די ווארט 'אמן' איז ראשי תיבות: "א-ל מלך נאמן", און רש"י טייטש (שם ד"ה א-ל) אז דער וואס ענטפערט אמן "מעיד על בוראו שהוא א-ל מלך נאמן".

פון די ווערטער לערנען מיר אז ביים ענטפערן אמן וואס איז א לשון אמונה, זאגט דער מענטש עדות אויפן באשעפער אז ער איז א-ל מלך נאמן. לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האבן די חז"ל אזוי שטארק משבח געווען דער וואס ענטפערט אמן, ער טוהט דאך נאר באשטעטיגן די ווערטער פונעם מברך, און אויב עס קומט זיך אזא גרויסע שכר פאר דער וואס ענטפערט אמן, איז דאך זיכער אז פארן מברך אליין קומט אזא שכר, און מיר האבן נישט געטראפן אז פארן מברך איז אויך צוגעזאגט די שכר?

נאר עס זעהט אויס אז עס איז דא א גרויסער אונטערשייד צווישן זיי; אין דער צייט וואס דער מברך טוהט נישט די מצוה ווי א מתנת חנם, נאר ער האט דאך הנאה פון דער זאך און אויף די הנאה דארף ער צוריק צאלן מיט א ברכה, דאקעגן דער וואס ענטפערט אמן טוהט עס מיט א תמימות'דיגע אמונה אין חסדי ה', דערפאר זאגן חז"ל (ברכות נג ב) "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

מיין שווער כ"ק מרן אדמו"ר בעל 'ישועות משה' זי"ע וואס די מצוה פון ענטפערן אמן איז געווען ביי אים זייער באליבט, פלעגט אויף דעם צוברענגען די גמרא (בבא בתרא יא א): "כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא". און האט ערקלערט אז בפשטות קען מען זאגן אז נישט אומזינסט האט די גמרא אנגעכאפט דעם לשון "מקיים נפש" און נישט דער לשון "מציל נפש", ווייל "מציל" מיינט ממוות לחיים, אבער "מקיים" באדייט אז ער ברענגט אים אריין תחת כנפי השכינה, און טוהט אים צו וויסן אז דער באשעפער איז "אחד יחיד ומיוחד".

און בדרך רמז פלעגט ער ערקלערן, אז די ראשי תיבות פון "כל המקיים" [מיטן כולל] איז גימטריה "הוי"ה", און די סופי תיבות [מיטן כולל] איז גימטריה "חסד", דיך צו לערנען אז יעדער וואס וויל טוהן א חסד מיט א אידישע זעהל אים מקרב צו הוי"ה ברוך הוא, זאל ער עס טוהן דורך 'אמן', וואס איז ראשי תיבות: "**נפש אחת מישראל**", און: "**א-ל מלך נאמן**", אזוי אויך: "**אני מוסר נפשי**".

דאס מיינט צו זאגן אז די פליכט פון יעדן מענטש איז צו טוהן א חסד מיט זיין חבר און אריינברענגען אין זיין הארץ דביקות צום באשעפער ב"ה, דורך דעם וואס ער איז מעורר אין זיין הארץ די 'אמן', וואס האט אין זיך א וואונדערבארער אויסדרוק אויף אמונה אין א-ל מלך נאמן און אויף מסירות נפש פאר כבוד שמו יתברך. און אויב ער האט אזוי געטון, האט ער 'קיים עולם מלא', ווייל אלע דורות וואס וועלן ארויסקומען פון די נשמה און וועלן גלייבן אין השי"ת, וועט אלעס זיין אויפן חשבון פון דער וואס האט אויף אים משפיע געווען און מחזק געווען.

•

ווי געזאגט 'אמן' באדייט אמונה, און אלעס איז דאך אנגעהאנגען אין אמונה אזוי ווי חז"ל זאגן (מכות כד א): בא חבקוק והעמידן על אחת, שנאמר (חבקוק ב ד): "וצדיק באמונתו יחיה". אויב אזוי איז נישט קיין וואונדער אז מיר טרעפן אלע ספרים הקדושים שרייבן אזוי גרויס אויף די מעלה פון ענטפערן אמן, ווייל די אמונה איז דער עיקר און יסוד אויף די גאנצע רוחניות'דיגע לעבן פון דער מענטש.

איך האב געזעהן אין רבינו בחיי וואו ער שרייבט וואונדערליכע ווערטער טייטשנדיג דעם פסוק (שמות יד לא): "ויאמינו בה' ובמשה עבדו", און דער וואס וועט אריינטראכטן אין די טיפקייט פון די ווערטער וועט זיכער שעפן פון דעם אסאך חיזוק, און צוליב זייער טייערקייט וועל איך ציטירן די עיקר פון זיינע ווערטער:

די תקנה פון די חכמים צו ענטפערן אמן נאך די ברכות איז געמאכט געווארן צו מחזק זיין און באפעסטיגן די אמונה אין די הארץ פון דער מענטש, ווייל ענטפערן אמן איז א דערקלערונג פון אמונה אין די ווערטער פון דער מברך. וזה לשונו: "און וויבאלד אז אמונה איז דער יסוד פון די גאנצע תורה, האבן די חכמים ז"ל מתקן געווען ביים דאווענען און ביי ברכות מען זאל ענטפערן אמן, וואס שטאמט פון לשון אמונה און לשון הודאה [ד.מ. ער איז מודה אז די ווערטער פונעם מברך איז אמת], ער נעמט אן די ווערטער פון דעם מברך און איז מודה צו זיי".

אין זיינע ווערטער שפעטער שטעלט ער צו זאגן א ברכה און ענטפערן אמן צו א עדות; דער מברך זאגט א עדות אין זיין ברכה אז הקב"ה איז דער מקור הברכה און דער קעניג אויף דער וועלט, אבער ער איז נאר איין עדות אויף דעם. און די תורה זאגט (דברים יט טו): "על פי שני עדים... יקום דבר". אבער, ווען ער ענטפערט אמן שטעלט ער זיך צו צו די פריערדיגע עדות, אזוי האבן מיר צוויי עדות. אזוי ווי א עדות וואס הייבט זיך אן מיטן ערשטן עדות האט נישט קיין שטארקקייט נאר דורכ'ן צווייטן עדות, אזוי אויך די ברכה ווערט נישט מקויים נאר נאכן ענטפערן אמן נאכדעם, און צוליב דעם האבן די חכמים געזאגט "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

רבינו בחיי איז אויך מאריך אין דעם גרויסן שטראף פון דער וואס איז נישט נזהר צו ענטפערן אמן מיט כוונה, און שרייבט אז ווייל אמן איז גימטריה די צוויי שמות הקודש האט עס אין זיך טיפע סודות, דערפאר האבן די חכמים אנגעווארנט (ברכות מז א) עס ארויסזאגן ריכטיג. אויך אין ספר 'דרך משה' (למוכיח הקדמון רבי משה כהנא מגיביטש, יום יא) שטייט אז יעדער איד איז מחויב זיך מוסר נפש אויף ענטפערן אמן, און אויב ער הערט און ענטפערט נישט איז ער חייב מיתה. ווייל די ווארט 'אמן' איז א עדות אויף די ברכה אז עס איז אמת.

נאך די שרעקליכע ווערטער איז איבריג עפעס צולייגן, און מיר דארפן נאר מעורר זיין די וואס לייגן נישט הארץ צו די טייערקייט פון די גרויסע מצוה, און אנשטאט זיי זאלן זאמלען נאך און נאך אזעלעכע מצוות וואס טרעפן זיך אין די הונדערטער און טויזנטער יעדן טאג, פארלירן זיי עס צוליב נישטיגע זאכן.

און מיין שווער זכר צדיק וקדוש לברכה פלעגט שטענדיג מעורר אויף די וואס שמועסן בשעת'ן דאווענען, און ער פלעגט זאגן אז ער איז זיכער אז די הויפט סיבה פארוואס זיי פאלן אדורך אין דעם, ווייל זיי פילן נישט קיין טעם און חיות ביים דאווענען.

ווי שטארק האט אים וויי געטוהן דאס הארץ ווען ער האט געזעהן ווי איינער רעדט ביים דאווענען, און פלעגט זאגן: זייט אייך מתבונן אין די חז"ל און אין די ספרים הקדושים, וועט איר זעהן ווי שטארק זיי האבן גערעדט פון די מעלה פון ענטפערן אמן, און וויפיל פירושים האבן זיי געזאגט אויף דעם, און פון דער צווייטער זייט ווי זיי האבן גערעדט איבער דעם שרעקליכן שטראף פאר די וואס טוהן גרינגשעצן אין דעם. לויט דעם ווי קען מען זיך דערוואגן צו רעדן בשעת דאווענען, עס דארף דאך אנכאפן א ציטער און א שרעק פאר דער וואס רעדט בשעת'ן דאווענען און הערן קדיש און מיט דעם פארלירן זיי אסאך אמן'ס, עס קומט נאר פון זיך ווייניג מתבונן זיין און נישט טוהן א חשבון נפש.

עם ה' חזקו ונתחזקה! שטארקט זיך אין די גרויסע מצוה פון ענטפערן אמן, און דורך דעם וועלן אייך איינווארצלען אמונה אין אייער הארץ און אין די הערצער פון די קומענדיגע דורות, ויהי רצון אז די זכות זאל אייך ביישטיין געבענטשט ווערן מיט א גוט יאר און זוכה זיין צו תשובה שלימה אמן.

מקורות פון מעלת עניית אמן

**אויסצוגן פון די ווערטער פון זהר הק' אין אונזער פרשה (וילך רפה ב):**

**"וכד ישראל לתתא משמרין לאתבא אמן, לכוונא לביהו כמה דאצטריך, כמה פתחין דברכאן פתיחן ליה לעילא, כמה טבאן משתכחין בכלהו עלמין, כמה חדו בכלא. מאי אגר להו לישראל דגרמין האי, אגר להו בעלמא דין, ובעלמא דאתי. בעלמא דין, בשעתא דעאקין להו לישראל, ומצלן צלותא קמי מאריהון, קלא מכרזא בכלהו עלמין: "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמונים" (ישעיהו כו ב), אל תקרי אמונים אלא אמנים. "פתחו שערים" כמה דישראל פתחין להו תרעין דברכאן, כך השתא "פתחו שערים" ותתקבל צלותהון מאינון דעאקין להו", האי בעלמא דין.**

**בעלמא דאתי מאי אגרייהו, דכד יפוק בר נש מהאי עלמא, דהוה שומר לאתבא אמן, מאי שומר, כלומר נטיר ההיא ברכה דאמר ההוא דמברך, ומחכה ליה לאתבא אמן, כמה דאצטריך, נשמתיה סלקא ומכרזי קמיה: "פתחו שערים", כמה דאיהו הוה פתח תרעין כל יומא, כד הווה "שומר אמונים".**

**תאנא, כל מאן דשמע ברכה מההוא דמברך, ולא אתכוון באמן, עליה נאמר (שמואל-א ב ל): "ובוזי יקלו", כמה דאת אמר (מלאכי א ו): "לכם הכהנים בוזי שמי". מאי עונשיה, כמה דלא פתח ברכאן לעילא, כך לא פתחין ליה. ולא עוד אלא כד נפיק מהאי עלמא מכריזי קמיה ואמרי, טרוקו גלי קמיה דפלנייא, ולא ליעול, ולא תקבלון ליה, ווי ליה, ווי לנשמתיה".**

## די פירוש פון בעל הסולם

### דער וואס ענטפערט אמן עפנט די טויערן פון ברכה

ווען די אידן אונטן היטן אפ צו ענטפערן אמן און האבן אינזין אזוי ווי עס דארף צו זיין, וויפיל טויערן פון ברכה זענען אפן אויבן, וויפיל גוטס געפינט זיך אין אלע וועלטן, וויפיל שמחה איז דא איבעראל[א].

### דער שכר אין עולם הזה פון דער וואס ענטפערט אמן

און וואס איז די שכר פון די אידן וואס האבן דאס צוגעברענגט? זייער שכר איז אין עולם הזה[ב] און אין עולם הבא. אין עולם הזה: אין דער צייט וואס פאר זיי איז ענג און שמאל, און זיי דאווענען פאר זייער האר, רופט אויס דער קול אין אלע וועלטן: "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמונים" (ישעיהו כו ב); "אל תקרי אמונים אלא אמנים"[ג] - ד.מ. די וואס געבן אכטונג ענטפערן אמן, 'פתחו שערים', אזוי ווי די אידן האבן געעפענט די טויערן פון די ברכות, אזוי זאל מען יעצט אויך עפענען די טויערן, און עס זאל אנגענומען ווערן זייער תפילה אויף די וואס טשעפענען זיי, דאס איז זייער שכר אין עולם הזה[ד].

### דער שכר אין עולם הבא פון דער וואס ענטפערט אמן

אין עולם הבא וואס איז זייער שכר? ווען עס גייט אוועק פון דער וועלט דער מענטש וואס פלעגט זיין א 'שומר' אויף ענטפערן אמן - וואס מיינט א שומר? ער האט געהיטן די ברכה וואס דער מברך האט געזאגט און האט געווארט צו ענטפערן אמן, אזוי ווי עס דארף צו זיין[ה] - זיין נשמה גייט ארויף און רופט אויס פאר אים: "פתחו שערים" פאר אים, אזוי ווי ער האט געעפענט יעדן טאג די טויערן ווען ער איז געווען 'שומר אמונים' ד.מ. אמנים.

### דער שטראף אין עולם הזה פון דער וואס האט נישט אינזין ביים ענטפערן אמן

מיר האבן געלערנט, יעדער וואס הערט א ברכה פון דער מברך און האט נישט אינזין ביים ענטפערן אמן, אויף אים זאגט דער פסוק (שמואל-א ב ל): "ובוזי יקלו", אזוי ווי עס שטייט (מלאכי א ו): "לכם הכהנים בוזי שמי"[ו].

### דער שטראף אין עולם הבא פון דער וואס האט נישט אינזין ביים ענטפערן אמן

און נאכמער, ווען ער גייט אוועק פון דער וועלט, רופט מען אויס פאר אים און מען זאגט, פארמאכט די טירן פאר דעם ער זאל נישט קענען אריינגיין, און איר זאלט אים נישט אננעמען. ווי צו אים, און ווי צו זיין נשמה.

---

א. דער רמ"ז ברענגט א רמז צו די רייד פונעם זהר אז ענטפערן אמן מיט כוונה איז מעורר דריי ערליי גוט'ס: ברכה, טובה און שמחה, פון דעם וואס אמן מיט איר מילוי [אל"ף מ"ם נו"ן] איז בגימטריה צוויי הונדערט זיבן און ניינציג, אזוי ווי די גימטריה פון די ווערטער: ברכה, טובה, גילה [ד.מ. שמחה].

ב. אין 'אש דת' (ח"י עמ' תקנג) שטייט אז פון דער לשון הגמרא (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן", זעהט אויס אז דער וואס ענטפערט אמן איז זוכה די טויערן זאלן זיך עפענען אויך זייענדיג אויף דער וועלט, אזוי ווי עס שטייט דא אין זהר, ווייל דער לשון איז דאך "פותחים" וואס איז א לשון הווה.

ג. לויט די זהר ווערט די ווארט "שומר" פארטייטש "ווארטן", אזוי ווי עס איז פריער ערקלערט, און נאר די ווארט "אמונים" ווערט גע'דרש'נט און געליינט "אמנים", ד.מ. עפנט די טויערן פאר די וואס ווארטן אפ צו ענטפערן אמן. אבער אין מסכת שבת (קיט ב) דרש'ענען די חכמים "אל תקרי 'שמר אמנים' אלא 'שאומרים אמן'", און דארט זעהט אויס אז אויך די ווארט "שומר" ווערט געליינט ווי עס וואלט געשטאנען "שאומר", און אזוי ווי דער מהרש"א (ח"א שם) טייטש דארט אין זיין ערשטן וועג. אבער אין דעם צווייטן וועג טייטש דער מהרש"א אז אויך לויטן בבלי ווערט נאר די ווארט "אמונים" געטייטש אנדערשט ווי פשוט פשט, אבער די ווארט "שומר" ווערט געליינט אזוי ווי עס שטייט און ווערט געטייטש פון די לשון פון ווארטן, אזוי ווי דער זהר דרש'נט דא. און זעה אין 'מגלה עמוקות (פרשת האזינו) וואס שרייבט אז "אמונים" און "אמנים" זענען איינס "ווייל דער עיקר פון אמונה איז אנגעהאנגען אין ענטפערן אמן".

ד. דער רמ"ז ערקלערט פארוואס די תפילה פון דער וואס ענטפערט אמן ווערט אנגענומען, "ווייל זייער מויל ווערט געהייליגט דורך ענטפערן אמן און מיט כוונה, דערפאר די 'הבל' פון זייער מויל גייט ארויף און צוברעכט אלע שטערונגען".

ה. די לשון פון זהר "נטיר ההיא ברכה דאמר ההוא דמברך, ומחכה ליה לאתבא אמן, כמה דאצטריך" טייטש דער רמ"ז: "ער האט אינזין ביים הערן די ברכה און ווארט און קוקט ארויס צו ענטפערן אמן נאך דעם, און אזוי וועט ער נישט נכשל ווערן מיט ענטפערן א אמן יתומה". און אפשר איז זיין כוונה אזוי, אז דער זהר האט מאריך געווען אין זיין לשון כדי צו באטאנען צוויי זאכן וואס זענען אריינגערעכנט אין דער איסור פון "אמן יתומה" (ראה שו"ע או"ח קכד ח, ובדברי הפוסקים שם): א. וויסן אויף וועלכע ברכה גייט ער ענטפערן, ווייל עס זענען דא וואס האלטן אז דער וואס ענטפערט אמן נאך א ברכה אן צו וויסן אויף וועלכע ברכה ער האט געענטפערט, איז עס א "אמן יתומה", ב. ווארטן און ארויסקוקן אויף ענטפערן אמן, אזוי וועט ער ענטפערן אמן באלד נאך די סוף פון דער ברכה, ווייל א טייל האלטן אז ענטפערן אמן מער ווי א שיעור "תוך כדי דיבור" נאכן ענדיגן די ברכה, איז עס א "אמן יתומה".

ו. אזוי ווי דער פסוק רופט אן "בוזי שמי" די כהנים וואס האבן זיך אפגעהאלטן פון צו טוהן די עבודה אין בית המקדש ווייל זיי האבן עס נישט מחשיב געווען, אזוי אויך דער וואס ענטפערט אמן איז נישט חשוב אין זיינע אויגן זיך פלאגן און אינזין האבן ווי עס דארף צו זיין, ווערט אנגערופן א 'מבזה ה'' און אויף אים איז געזאגט געווארן "ובוזי יקלו" (שו"ע הזהר אבן יקרה רטו קיג).